וועט אַרייַנגיין אין מלכות השמים, נאָר דער, וואָס
טוט דעם רצון פֿון מײַן פֿאָטער, וואָס איז אין הימל.
22 אַסך וועלן זאָגן צו מיר אין יענעם טאָג: האַר, האַר,
צי האָבן מיר דען נישט אין דײַן נאָמען נבֿואות־
געזאָגט, און אין דײַן נאָמען אַרויסגעטריבן בייזע
גייסטער, און אין דײַן נאָמען געטאָן אַ סך וואונדער?
23 און דעמאָלט וועל איך מודה זײַן פֿאַר זיי: איך האָב
אײַך קיינמאָל נישט געקענט; אַוועק פֿון מיר, איר,
24 וואָס טוט רשעות. דעריבער יעדער איינער, וואָס
הערט די דאָזיקע ווערטער מײַנע, און טוט זיי,
וועט זײַן געגליכן צו אַ מאַן אַ חכם, וואָס האָט
25 געבויט זײַן הויז אויף דעם פֿעלזן. און דער
פּלאַצרעגן איז געפֿאַלן, און די וואַסער־שטראָמען
זענען געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און
האָבן אָנגעגריפֿן יענץ הויז; און עס איז נישט
אײַנגעפֿאַלן; וואָרום עס איז געווען געגרינדעט
26 אויף דעם פֿעלזן. און יעדער איינער, וואָס הערט
די דאָזיקע ווערטער מײַנע, און טוט זיי נישט,
וועט זײַן געגליכן צו אַ מאַן אַ נאַר, וואָס האָט
27 געבויט זײַן הויז אויפֿן זאַמד. און דער פּלאַצרעגן
איז געפֿאַלן, און די וואַסער־שטראָמען זענען
געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן, און האָבן
געשטויסן אויף יענעם הויז; און עס איז אײַנגעפֿאַלן,
און דער צוזאַמענבראָך דערפֿון איז געווען גרויס.
28 און עס איז געשען, ווען ישוע האָט געענדיקט
די דאָזיקע ווערטער, האָבן די המונים מענטשן
29 געשטוינט איבער זײַן לערנונג. וואָרום ער האָט זיי
געלערנט ווי איינער, וואָס האָט מאַכט, און נישט
ווי זייערע סופֿרים.